**ניו יארק סיטי פייער דעפּארטמענט**

**ארייַנפיר צו איינמעלדונג פון פריוואטקייט סטאנדארטן**

די ניו יארק סיטי פייער דעפּארטמענט איז די סיטי רעגירונג פּראָווײַדער פון עמערדזשענסי מעדיצינישע באהאנדלונג בעפארן ארייַנגעפירט ווערן אין שפיטאל און טראנספּארט אין ניו יארק סיטי. אלס א העלט קעיר פּראָווײַדער, איז די פייער דעפּארטמענט פארלאנגט דורך דעם געזעץ צו היטן אויף די פריוואטקייט פון העלט קעיר אינפארמאציע – גערופן באשיצטע געזונטהייט אינפארמאציע (protected health information, PHI) – אין באציאונג צו אינדיווידואלע פאציענטן און אזוי אויך צו איבערגעבן אן איינמעלדונג פאר פאציענטן ערקלערנדיג וויאזוי די פייער דעפּארטמענט קען מעגליך נוצן די אינפארמאציע און צו וועם עס קען ארויסגעגעבן ווערן.

די פייער דעפּארטמענט איז פארפליכטעט צו רעספעקטירן די פריוואטקייט פון אלע מענטשן וועם מיר באהאנדלען און טראנספּארטירן אלס טייל פון די עמערדזשענסי מעדיצינישע סערוויס סיסטעם. מיר האבן שטענדיג באהאנדלט אונזערע פאציענט רעקארדס ווי סודות'דיגע (קאנפידענטשעל) העלט קעיר אינפארמאציע.

די פייער דעפּארטמענט'ס ארומנעמיגע איינמעלדונג פון פריוואטקייט סטאנדארטן (פון דא און ווייטער גערופן די "איינמעלדונג") איז פארגעלייגט אונטן. די איינמעלדונג אונטן לייגט צו צו די אינפארמאציע וואס שטייט אין די פייער דעפּארטמענט'ס איבערבליק פון איינמעלדונג פון פריוואטקייט סטאנדארטן פאציענט אינפארמאציע ארויסגעבונג בויגן וואס ווערט געגעבן פארן פאציענט דורך די פייער דעפּארטמענט אמבולאנס מאנשאפט.

די איינמעלדונג ערקלערט די פייער דעפּארטמענט'ס לעגאלע פליכטן און פריוואטקייט סטאנדארטן אין באציאונג צו דעם פאציענט'ס PHI, ארייַנרעכענענדיג וויאזוי די פייער דעפּארטמענט איז ערלויבט צו נוצן און ארויסגעבן דעם פאציענט'ס PHI; וויאזוי דער פאציענט קען צוקומען צו- און קאפּירן די אינפארמאציע; וויאזוי דער פאציענט קען פארלאנגען אן ענדערונג צו די אינפארמאציע; און וויאזוי דער פאציענט קען פארלאנגען באגרעניצונגען אויף די פייער דעפּארטמענט'ס באנוץ און ארויסגעבונג פון זיין אדער איר PHI.

די פייער דעפּארטמענט פארלאנגט זיך צו האלטן צו די טערמינען און באדינגונגען פון די ווערסיע פון די איינמעלדונג וואס איז יעצט אין קראפט. אין רוב מצבים, קענען מיר נוצן די PHI אין די וועגן אויסגערעכנט אין די איינמעלדונג אן ספּעציפישע ערלויבעניש פונעם פאציענט, אבער עס זענען דא געוויסע מצבים ווען די פייער דעפּארטמענט מעג נאר נוצן די PHI נאכן באקומען דעם פאציענט'ס שריפטליכע ערלויבעניש. די איינמעלדונג רעכנט אויך אויס די מצבים.

נאכן איבערקוקן די איינמעלדונג, אויב דער פאציענט האט פראגן אדער זארגן איבער PHI און וויאזוי עס קען גענוצט אדער ארויסגעגעבן ווערן, קען דער פאציענט זיך פארבינדן מיט די פייער דעפּארטמענט'ס פריוואטקייט בעאמטער (פּרייוועסי אפיסער) ווי אנגעדייטעט ביי די ענדע פון די איינמעלדונג.

(איבערגעארבעט 4/16/2026)

**ניו יארק סיטי פייער דעפּאַרטמענט**

**איינמעלדונג פון פריוואטקייט סטאנדארטן**
**(אין קראפט פון דעצעמבער 10, 2015; איבערגעקוקט און איבערגעארבעט אפריל 16, 2026)**

די איינמעלדונג שילדערט וויאזוי מעדיצינישע אינפארמאציע איבער אייך קען גענוצט און ארויסגעגעבן ווערן און וויאזוי איר קענט באקומען צוטריט צו די אינפארמאציע ביטע קוקט דאס דורך פארזיכטיגערהייט

**צוועק פון די איינמעלדונג**

די ניו יארק סיטי פייער דעפּאַרטמענט, אלס אן אמבולאנס פּראָווידער, איז פארלאנגט דורך דעם געזעץ צו היטן אויף די פריוואטקייט פון אייער העלט קעיר אינפארמאציע, גערופן באשיצטע געזונטהייט אינפארמאציע (protected health information, PHI), און אזוי אויך אייך צו גיבן אן איינמעלדונג ערקלערנדיג אונזערע לעגאלע פליכטן און פריוואטקייט סטאנדארטן אין באציאונג צו PHI, אריינרעכענענדיג וויאזוי מיר קענען מעגליך נוצן די אינפארמאציע און צו וועם עס קען ארויסגעגעבן ווערן. אויב איר זענט באהאנדלט געווארן דורך א פייער דעפּאַרטמענט אמבולאנס מאנשאפט נאך אפריל 14, 2003, זענט איר געבעטן געווארן צו אנערקענען אז איר האט באקומען די ארומנעמיגע איבערבליק פון די פייער דעפּאַרטמענט'ס איינמעלדונג וואס איז בייגעלייגט מיט די אמבולאנס רוף באריכט, און אזוי אויך זענט איר געבעטן עגווארן צו גיבן אייער צושטימונג אז די אינפארמאציע זאל קענען ארויסגעגעבן ווערן פאר די צוועקן אויסגערעכנט אין די איינמעלדונג. אפגעזעהן דערפון, קענען מיר נוצן און ארויסגעבן אייער PHI פאר די צוועקן וואס זענען ערלויבט דורך דעם געזעץ. די פייער דעפּאַרטמענט איז פארלאנגט זיך צו האלטן צו די טערמינען און באדינגונגען פון די איינמעלדונג וואס איז יעצט אין קראפט. אין מערסטנס פעלער, קענען מיר נוצן PHI אן אייער ערלויבעניש, מיט די תנאי אז די באנוץ איז ערלויבט דורכן געזעץ. אין געוויסע מצבים, מעג די אינפארמאציע נישט גענוצט אדער ארויסגעגעבן ווערן אן אייער שריפטליכע ערלויבעניש.

**רוטינע באנוץ און ארויסגעבונג פון PHI אן פאציענט'ס ערלויבעניש**

די פייער דעפּאַרטמענט קען נוצן און ארויסגעבן אייער PHI פאר די צוועקן פון באהאנדלונג, באצאלונג און אנדערע העלט קעיר אקטיוויטעטן, אין רוב פעלער אן אייער ספעציפישע שריפטליכע ערלויבעניש. נעמליך, קען די PHI גענוצט און ארויסגעגעבן ווערן פאר די פאלגנדע צוועקן:

<u>פאר באהאנדלונג</u>: PHI וואס מיר ערהאלטן דורכאויסן אייך באהאנדלען און/אדער טראנספּאַרטירן קענען גענוצט און ארויסגעגעבן ווערן פאר באהאנדלונג צוועקן, אריינרעכענענדיג איבערגעבן די באריכט איבער אייער קעיר בעפארן אנקומען אין שפיטאל (די פאציענט קעיר באריכט) פארן שפיטאל צו וועלכע איר ווערט אריינגעפירט. צום ביישפיל, אינפארמאציע וואס מיר באקומען פון אייך, צי בעל פה אדער אין שריפט, אין באציאונג צו אייער מעדיצינישע צושטאנד קען קאמוניקירט ווערן צו דעם דיספּעטשער וואס שיקט אריבער יוּניטס צו די אינצידענט, צו דעם דאקטאר און צו אנדערע מעדיצינישע איינגעשטעלטע אין אנליין מעדיקעל קאנטראל (סיסטעם פאר דירעקטע פארבינדונג צווישן עמערדזשענסי מאנשאפט און דאקטוירים), צו די דאקטוירים און אנדערע איינגעשטעלטע ביי די שפיטאל צו וועלכע איר ווערט

אריינגעפירט אדער צו אן אנדערע אמבולאנס מאנשאפט וואס באטייליגט זיך אין אייער קעיר. אין צוגאב, קענען מיר אויך ארויסגעבן אייער PHI צו א משפחה קרוב, פריינד אדער אנדערער מענטש וואס איז פארמישט אין אייער קעיר.

<u>פאר באצאלונג</u>: PHI קען גענוצט אדער ארויסגעגעבן ווערן כדי די פייער דעפארטמענט זאל קענען באקומען באצאלט פאר די מעדיצינישע באהאנדלונג בעפארן אריינגעפירט ווערן אין שפיטאל און טראנספארט צוגעשטעלט פאר אייך. דאס רעכנט אריין מיטטיילן אייער PHI מיט אינשורענס פירמעס, דריטע-פארטיי בילינג פירמעס און איינגעשטעלטע פאראנטווארטליך צו ענטפערן אנפראגן איבער בילינג אדער זיך צו אפגעבן מיט קלעימס; באשטימונגען און איבערבליקן איבער אויב סערוויסעס זענען געווען מעדיציניש נויטיג פאר בילינג צוועקן; איבערבליק פון פאסיגקייט און ווירקזאמקייט פון סערוויסעס; און איינמאנען אומבאצאלטע בילס.

<u>פאר העלט קעיר אקטיוויטעטן</u>: העלט קעיר אקטיוויטעטן רעכענען אריין פארשידענע זאכן, אריינרעכענענדיג קוואליטעט פארזיכערונג אקטיוויטעטן, לייסענסירונג און טרעינירונג פראגראמען — כדי צו נאכפאלגן די קוואליטעט פון פאציענט קעיר און זיכער מאכן אז אונזערע אמבולאנס מאנשאפט מיטגלידער קומען נאך אונזערע סטאנדארטן פון קעיר און זיך צו אפגעבן מיט קאמפלעינטס איבער די אמבולאנס סערוויס צוגעשטעלט צו אייך. מיר קענען אויך נוצן און ארויסגעבן אייער PHI אין פארבינדונג מיט לעגאלע קלעימס אדער פראצעדורן; צו אויספאלגן א געריכטליכע פארלאנג ('סאָבּפּינע') אדער אנדערע אומפרייוויליגע לעגאלע פראצעדור; פאר ביזנעס פלאנירונג צוועקן, פאר מיליטער, נאציאנאלע פארטיידיגונג, זיכערהייט און פובליק געזונטהייט אקטיוויטעטן און פאר אנדערע געזעץ אינפארסירונג צוועקן.

**באנוץ און ארויסגעבונג פון PHI**

די ניו יארק סיטי פייער דעפארטמענט קען נוצן אדער ארויסגעבן PHI, אריינרעכענענדיג:

- פאר די פייער דעפארטמענט'ס באנוץ ביים אייך באהאנדלען אדער באקומען באצאלט פאר סערוויסעס צוגעשטעלט צו אייך אדער ביים דורכפירן אנדערע העלט קעיר אקטיוויטעטן;
- צו אן אנדערע העלט קעיר פּראָווײַדער אדער קערפערשאפט פאר באהאנדלונג, באצאלונג אדער אפעראציעס אקטיוויטעטן פון די פּראָווײַדער אדער קערפערשאפט וואס באקומט די אינפארמאציע (ווי צום ביישפיל די שפיטאל צו וועלכע איר ווערט אריינגעפירט אדער צו אייער אינשורענס פירמע);
- פאר קוואליטעט פארזיכערונג און קוואליטעט פארבעסערונג אקטיוויטעטן, כדי צו נאכפאלגן און פארבעסערן פאציענט קעיר, אין איינקלאנג מיט ניו יארק סטעיט געזעץ;
- פאר אויפכאפונג פון העלט קעיר שווינדל און מיסברויך אדער אקטיוויטעטן פארבינדן מיטן אויספאלגן דעם געזעץ;
- צו א פאמיליע מיטגליד, אנדערער קרוב אדער נאנטער פערזענליכער פריינד אדער אנדערער מענטש פארמישט אין אייער קעיר, אויב מיר ערהאלטן אייער ערלויבעניש אדער איר שטעלט זיך נישט קעגן, אדער אויב מיר פארשטייען פון די אומשטענדן אז איר וואלט זיך נישט קעגנגעשטעלט צו דאס ארויסגעבן די אינפארמאציע. צום ביישפיל, מיטטיילן אינפארמאציע מיט אייער מאן/ווייב נאך וואס זיי האבן גערופן די אמבולאנס;
- צו א פובליק געזונטהייט אויטאריטעט אין געוויסע מצבים, ווי צום ביישפיל באריכטן א געבורט, טויט אדער קראנקהייט ווי פארלאנגט דורכן געזעץ, אלס טייל פון א פובליק געזונטהייט אויספארשונג, צו באריכטן אביוז, פארנאכלעסיגונג אדער געוואלדטאטן אין די משפחה, פעלערהאפטיגע פראדוקטן אדער אלס טייל פון א פראצעדור צו איינמעלדן פאר א מענטש אז זיי

זענען געווען אויסגעשטעלט צו אן אנשטעקיגע קראנקהייט ווי פארלאנגט דורכן געזעץ;

- פאר געזונטהייט איבערזיכט אקטיוויטעטן, אריינרעכענענדיג פארמאלע איבערבליקן (אוידיטס) אדער רעגירונג אויספארשונגען, אינספעקציעס, פראצעדורן איבער פארלעצונגען און אנדערע אדמיניסטראטיווע אדער געריכטליכע שריט דורך די רעגירונג אדער אנדערע פארטייען אין קאנטראקט מיט די רעגירונג אונטער דעם געזעץ כדי צו אויפזעהן איבער די העלטקעיר סיסטעם;
- פאר געריכטליכע און אדמיניסטראטיווע פראצעדורן מיט געריכטן, לויערס און געריכט איינגעשטעלט, ווען מיר באקומען א געריכט באפעל, סאָבּפּינע, פארלאנג פאר באווייזן ('דיסקאָווערי'), וואָראנט, סאָמענס אדער אנדערע געזעצליכע פאראדערונגען פון די געריכטן אדער רעגירונג קערפערשאפטן, און דורכאויס געוויסע אנדערע געזעצליכע, געריכטליכע אדער אדמיניסטראטיווע פראצעדורן, אדער פאר אונז זיך צו פארטיידיגן קעגן קלאגעס געברענגט קעגן אונז, אדער פאר לויערס וואס פארטרעטן די פייער דעפּארטמענט אין פארבינדונג מיט אזעלכע אנגעלעגנהייטן;
- פאר געזעץ אינפארסירונג אקטיוויטעטן אין מצבים ווי צום ביישפיל ווען די אינפארמאציע פעהלט אויס צו טרעפן א פארדעכטיגטער אדער אפשטעלן א פארברעכן;
- פאר מיליטער, נאציאנאלע פארטיידיגונג און זיכערהייט און אנדערע ספעציעלע רעגירונג אקטיוויטעטן;
- צו פארמיידן אן ערנסטע דראאונג צו די געזונטהייט און זיכערהייט פון די אלגעמיינע פובליקום;
- פאר טורמע בעאמטע אדער געזעץ אינפארסירונג אפיצירן פאר פאציענטן וועלכע זענען אפגעשטעלט געווארן דורך א געזעץ אינפארסירונג אפיציר אדער וועלכע זענען ארעסטאנטן אין א טורמע;
- פאר קאראנערס, מעדיקעל עקזעמינערס און לוויה דירעקטארס פאר די צוועק פון אידענטיפיצירן א פארשטארבענער מענטש, באשטימען די אורזאך פון טויט אדער אויספירן זייערע פליכטן ווי אויטאריזירט דורך דעם געזעץ;
- אין פעלער פון מענטשן וואס גיבן אוועק אן איבר, פאר ארגאניזאציעס וואס גיבן זיך אפ מיטן פארשאפן אוועקגעגעבענע איברים אדער פארמישט מיט טרענספלענט פון איברים, אויגן אדער אנדערע קערפערליכע מאטעריאלן אדער צו אן איברים אוועקגעבונג באנק (ארגאן דאָונעישען בענק), ווי נויטיג צו ערמעגליכן דאס אוועקגעבן אן איבר און דאס מאכן א טרענספּלענט;
- פאר דרויסנדיגע ביזנעס קערפערשאפטן מיט וועם מיר ארבעטן — מיר קענען ארויסגעבן די מינימאלע מאס פון אייער PHI וואס פעהלט זיך אויס פאר אנדערע פארטייען אונטער קאנטראקט מיט אונז, אגענטן און אנדערע ביזנעס קערפערשאפטן וועלכע דארפן די אינפארמאציע כדי אונז צו ארויסהעלפן מיטן באקומען באצאלט אדער דורכפירן אונזערע ביזנעס אקטיוויטעטן. דרויסנדיגע ביזנעס קערפערשאפטן וועלן אונז האבן געגעבן א שריפטליכע פארזיכערונג אז זיי וועלן היטן אויף אייער באשיצטע געזונטהייט אינפארמאציע ווי פארלאנגט דורכן געזעץ;
- ווען פעדעראלע, סטעיט אדער לאקאלע געזעץ פארלאנגט אונז אזוי צו טוהן;
- פאר פארשונג פראיעקטן, וואו עס איז נישטא קיין באדייטנדע ריזיקע צו אייער פריוואטקייט און וואו צופרידנשטעלנדע פארזיכערונג מאסנאמען זענען אוועקגעשטעלט אין איינקלאנג מיטן געזעץ; און
- ווען די העלט קעיר אינפארמאציע וואס מיר גיבן ארויס אנטהאלט נישט אינפארמאציע וואס קען אייך פערזענליך אידענטיפיצירן.

**באנוץ און ארויסגעבונג פון PHI מיט פאציענט'ס אויטאריזאציע**

סיי וועלכע אנדערע באנוץ אדער ארויסגעבונג פון PHI חוץ פון די וועלכע זענען אויסגערעכנט געווארן אויבן וועלן נאר געמאכט ווערן נאך וואס איר האט געגעבן אייער שריפטליכע ערלויבעניש צו טוהן אזוי. די ערלויבעניש מוז ספעציפיש אויסרעכענען די אינפארמאציע וואס מיר ווילן נוצן אדער ארויסגעבן,

און אזוי אויך ווען און וויאזוי מיר ווילן נוצן אדער ארויסגעבן די אינפארמאציע. אין אזעלכע פעלער, קענט איר צוריקציהען אייער ערלויבעניש אין סיי וועלכע צייט (אזא צוריקציהאונג מוז זיין אין שריפט), אבער דאס קען נישט ארויפגיין אויף פארגאנגענע מאלן וואס מיר האבן שוין גענוצט אדער ארויסגעגעבן מעדיצינישע אינפארמאציע זיך פארלאזנדיג אויף אייער ערלויבעניש.

די פייער דעפארטמענט פארקויפט נישט PHI פון פאציענטן און נוצט דאס נישט פאר מארקעטינג צוועקן.

**אינדיווידואלע פאציענט רעכטן**

אלס א פאציענט, האט איר געוויסע רעכטן אין באציאונג צו אייער באשיצטע געזונטהייט אינפארמאציע.

**די רעכט צו צוקומען צו קאפיעס אדער איבערקוקן אייער PHI**. דאס מיינט אז איר קענט באקומען א קאפיע פון אייער פאציענט קעיר באריכט, ווי ערקלערט אין די פייער דעפארטמענט'ס 'וועגווייזער צו אגענטור רעקארדס' (פארעפנטליכט אויף די פייער דעפארטמענט'ס וועבזייטל, https://www.nyc.gov/site/fdny/about/resources/record-requests/records-request.page). כדי צו איבערקוקן אדער באקומען א קאפיע פון אייער פאציענט קעיר באריכט, וועט איר דארפן אריינגעבן אייער פארלאנג אין שריפט און אזוי אויך אריינגעבן אן ערלויבעניש פון דעם פאציענט פאר די ארויסגעבונג פון אינפארמאציע. אויב מיר האלטן אייער פאציענט קעיר באריכט אין עלעקטראנישע פארמאט, דאן קענט איר פארלאנגען אן עלעקטראנישע קאפיע פון אייער פאציענט קעיר באריכט אדער פארלאנגען אז מיר זאלן שיקן אן עלעקטראנישע קאפיע צו סיי וועלכער מענטש וועם איר דעזיגנירט אין שריפט. אין געוויסע פעלער, קענען מיר צוריקווייזן אייער פארלאנג צו איבערקוקן אדער קאפירן די פארלאנגטע אינפארמאציע. אויב מיר ווייזן צוריק אייער פארלאנג, וועלן מיר אייך דאס איינמעלדן אין שריפט, און מיר וועלן אייך מעגליך גיבן א געלעגנהייט אז די באשלוס צו צוריקווייזן זאל נאכאמאל איבערגעקוקט ווערן. אלע פארלאנגען פאר פייער דעפארטמענט פאציענט קעיר באריכטן קענען אדער אריינגעשיקט ווערן דורך די פאסט צו: FDNY Public Records Unit (9 Metrotech Center, 1st Floor, Brooklyn, NY 11201-3857 אדער געמאכט ווערן אנליין אויף https://fdny.mypatientencounters.com/myrecord. צו באקומען בילינג רעקארדס, פארבינדט זיך ביטע מיט קאסטומער סערוויס אויף 888-980-9325. סיי וועלכע אנדערע פארלאנג אין באציאונג צו צוטריט צו פאציענט קעיר באריכטן זאלן געמאכט ווערן צו דעם פריוואטקייט בעאמטער (פריייוועסי אפיסער), ווי אנגעדייטעט ביי די ענדע פון די איינמעלדונג.

**די רעכט צו מאכן ענדערונגען צו אייער PHI**. אויב איר גלויבט אז די מעדיצינישע אינפארמאציע איבער אייך איז נישט ריכטיג (צום ביישפיל, די מעדיצינישע אינפארמאציע וואס שטייט אין די פאציענט קעיר באריכט) האט איר די רעכט אונז צו בעטן צו ענדערן די אינפארמאציע. מיר וועלן מעגליך פארלאנגען אז אייער פארלאנג זאל זיין אין שריפט און עס זאל ערקלערן פארוואס די אינפארמאציע דארף געענדערט ווערן. אויב מיר מאכן די פארלאנגטע ענדערונגען, וועלן מיר אייך דאס איינמעלדן. אויב אייער פארלאנג ווערט צוריקגעוויזן, וועט איר איינגעמאלדן ווערן אין שריפט איבער די סיבה פארוואס עס איז צוריקגעוויזן געווארן. צום ביישפיל, מיר זענען ערלויבט דורך דעם געזעץ צו צוריקווייזן אייער פארלאנג אויב מיר גלויבן אז די אינפארמאציע וואס מיר האבן איז ריכטיג. איר האט די רעכט צו דאן אריינגעבן א סטעיטמענט אנדייטנדיג אז איר זענט נישט מסכים מיט די אינפארמאציע. איר האט אויך די רעכט צו בעטן אז אייער אריגינאלע פארלאנג, אונזער באשלוס דאס צו צוריקווייזן און אייער סטעיטמענט אז איר זענט נישט מסכים זאלן אלע בייגעלייגט ווערן מיט סיי וועלכע צוקונפטיגע ארויסגעבונגען פון אייער אינפארמאציע. אויב ווילט איר פארלאנגען אז מיר זאלן ענדערן די מעדיצינישע אינפארמאציע וואס מיר האבן איבער אייך, זאלט איר זיך פארבינדן מיט דעם פריוואטקייט בעאמטער (פריייוועסי אפיסער), ווי אנגעדייטעט ביי די ענדע פון די

איינמעלדונג.

.

**די רעכט צו פארלאנגען א דעטאלירטע ליסטע פון אונזערע באנוצן און ארויסגעבונגען פון אייער PHI**. איר האט די רעכט צו באקומען א ליסטע וואס רעכנט אויס אלע מאל אין די זעקס יאר בעפאר די דאטום פון אייער פארלאנג ווען מיר אדער דרויסנדיגע ביזנעס קערפערשאפטן מיט וועם מיר ארבעטן האבן ארויסגעגעבן אייער מעדיצינישע אינפארמאציע פאר צוועקן חוץ פון באהאנדלונג, באצאלונג, העלט קעיר אקטיוויטעטן אדער אנדערע צוועקן פאר וועלכע איר האט געגעבן אייער ערלויבעניש, און אזוי אויך פאר געוויסע אנדערע אקטיוויטעטן וועלכע זענען געטוהן געווארן. מיר זענען נישט מחויב אייך צו גיבן א דעטאלירטע ליסטע פון אינפארמאציע וואס מיר האבן ארויסגעגעבן צו די דרויסנדיגע ביזנעס קערפערשאפטן מיט וועם מיר ארבעטן. אבער איר וועט נישט קענען באקומען א ליסטע פון ארויסגעבונגען וועלכע זענען געמאכט געווארן בעפאר אפריל 14, 2003. אויב ווילט איר פארלאנגען א דעטאלירטע ליסטע פון די מעדיצינישע אינפארמאציע איבער אייך צו וועלכע איר זענט בארעכטיגט, זאלט איר זיך פארבינדן מיט דעם פריוואטקייט בעאמטער (פרייוועסי אפיסער), ווי אנגעדייטעט ביי די ענדע פון די איינמעלדונג.

**די רעכט צו פארלאנגען אז מיר זאלן באגרעניצן די באנוצן און ארויסגעבונגען פון אייער PHI**. איר האט די רעכט צו פארלאנגען אז מיר זאלן באגרעניצן די באנוץ און ארויסגעבונג פון אייער מעדיצינישע אינפארמאציע אין פארבינדונג מיט באהאנדלונג, באצאלונג און העלט קעיר אקטיוויטעטן. איר האט אויך די רעכט צו פארלאנגען אז מיר זאלן באגרעניצן ארויסגעבונגען צו מענטשן וואס זענען פארמישט אין אייער העלט קעיר (צום ביישפיל פאמיליע אדער פריינט) אדער אין די באצאלונג פאר אייער העלט קעיר. מיר וועלן מעגליך פארלאנגען אז איר זאלט ארייגעבן אייער פארלאנג אין שריפט. מיר וועלן איבערקוקן אייער פארלאנג, אבער מיר זענען נישט מחויב צו מסכים זיין דערצו. אויב איר פארלאנגט א באגרעניצונג, און די אינפארמאציע וואס איר בעט אונז צו באגרעניצן פעהלט זיך אויס אייך צו צושטעלן עמערדזשענסי באהאנדלונג, דאן קענען מיר נוצן אדער ארויסגעבן די אינפארמאציע צו א העלט קעיר פּראָווײַדער כדי אייך צו צושטעלן עמערדזשענסי באהאנדלונג. איר האט די רעכט צו פארלאנגען אז מיר זאלן באגרעניצן ארויסגעבונגען פון אייער PHI צו א העלט אינשורענס פירמע אויב איר באצאלט פאר די סערוויסעס וואס מיר האבן אייך צוגעשטעלט פולשטענדיג ארויס פון אייער טאש. מיר זענען מחויב צו מסכים זיין צו די פארלאנג, חוץ אויב דאס ארויסגעבן די אינפארמאציע איז פארלאנגט דורכן געזעץ.

**רעכט צו פארלאנגען סודות'דיגע קאמיוניקאציע**. איר האט די רעכט צו פארלאנגען אז קאמוניקאציעס אין באציאונג צו אייער PHI זאלן געמאכט ווערן דורך אלטערנאטיווע מיטלען אדער געשיקט ווערן צו אן אלטערנאטיווע לאקאציע. אויב איר ווילט פארלאנגען אז מיר זאלן קאמוניקירן מיט אייך דורך אלטערנאטיווע מיטלען אדער צו אן אלטערנאטיווע לאקאציע, מאכט ביטע אייער פארלאנג אין שריפט און שיקט עס צו די פייער דעפארטמענט'ס פריוואטקייט בעאמטער (פרייוועסי אפיסער) (זעהט קאנטאקט אינפארמאציע אונטן). מיר וועלן נישט אנפרעגן איבער די סיבה פאר אייער פארלאנג, און מיר וועלן זיך צושטעלן צו אזא פארלאנג אויף ווי ווייט עס איז מעגליך.

**די רעכט צו איינגעמאלדן ווערן אין פאל פון אומערלויבטע צוטריט צו אייער אומפארזיכערטע PHI**. טראץ מיר וועלן מאכן אונזער גרעסטע אנשטרענגונג צו היטן אויף אייער PHI, דאך אין פאל וואס מיר אנטדעקן סיי וועלכע אומערלויבטע באנוץ אדער ארויסגעבונג פון רעקארדס וואס אנטהאלטן PHI, וועלן מיר דורכפירן אן אויספארשונג צו באשטימען אויב די אומערלויבטע באנוץ אדער ארויסגעבונג האט געבראכן די סודות'דיגקייט פון אייער PHI. אויב מיר באשטימען אז אזעלכע אומערלויבטע צוטריט איז געשעהן, דאן וועלן מיר אייך איינמעלדן איבער די אומערלויבטע צוטריט און אייך איבערגעבן אינפארמאציע איבער די סיבה וואס האט געפירט צו די אומערלויבטע צוטריט, א שילדערונג פון די PHI וואס איז ארויסגעגעבן געווארן, סיי וועלבע שריט וואס איר זאלט אונטערנעמען זיך צו באשיצן, א שילדערונג פון די אויספארשונג און סיי וועלבע שריט וואס מיר האבן אונטערגענומען צו פארקלענערן די שאדן און אזוי אויך קאנטאקט

אינפארמאציע כדי איר זאלט זיך קענען פארבינדן מיט די פייער דעפּארטמענט צו באקומען מער אינפארמאציע.

**SUD באהאנדלונג אינפארמאציע**. מיר קענען מעגליך באקומען אדער האלטן רעקארדס איבער באהאנדלונג פון דראג באנוץ קראנקהייט (substance use disorder, "SUD") וועלכע קומען פון געוויסע פראגראמען אדער אקטיוויטעטן פארבינדן מיט דראָג אביוז אויפקלערונג, פארמיידונג, טרענירונג, באהאנדלונג, ערהוילונג אדער פארשונג וועלכע זענען ספעציעל באשיצט אונטער 42 C.F.R. טייל 2 ("טייל 2 פראגראם"). אויב מיר באקומען אדער האלטן אייערע רעקארדס פון א טייל 2 פראגראם זיך פארלאזנדיג אויף אן אלגעמיינע צושטימונג וואס איר האט געגעבן פאר דעם טייל 2 פראגראם ערלויבנדיג זיי צו נוצן און ארויסגעבן אייערע טייל 2 פראגראם רעקארדס פאר צוועקן פון באהאנדלונג, באצאלונג אדער העלט קעיר אקטיוויטעטן, דאן קענען מיר נוצן און ארויסגעבן די רעקארדס פאר באהאנדלונג, באצאלונג און העלט קעיר אקטיוויטעטן ווי שוין ערקלערט אין די איינמעלדונג, אונטער די זעלבע רעכטן, באגרעניצונגען און שוץ מאסנאמען. אבער אויב מיר באקומען אדער האלטן אייערע טייל 2 פראגראם רעקארדס זיך פארלאזנדיג אויף א ספעציפישע שריפטליכע צושטימונג וואס איר האט געגעבן צו אונז אדער אן אנדערע דריטע פארטיי, דאן וועלן מיר נוצן און ארויסגעבן די רעקארדס נאר אויף ווי ווייט וואס עס איז אויסדרוקליך ערלויבט דורך די צושטימונג. סיי וועלכע SUD רעקארד מיט באשיצטע געזונטהייט אינפארמאציע וואס איז ארויסגעגעבן געווארן קען שפעטער מעגליך ווייטער ארויסגעגעבן ווערן דורך די קערפערשאפט וואס באקומט עס. מיר וועלן נישט נוצן אדער ארויסגעבן אייערע טייל 2 פראגראם רעקארדס, אדער עדות זאגן אדער איבערגעבן באווייזן וואס שילדערן די אינפארמאציע וואס ליגט אין די רעקארדס אין סיי וועלכע ציווילע, קרימינאלע, אדמיניסטראטיווע אדער לעגיסלאטיווע פראצעדור אפגעהאלטן דורך סיי וועלכע פעדעראלע, סטעיט אדער לאקאלע אויטאריטעט קעגן אייך, חוץ אויב די באנוץ אדער ארויסגעבונג ווערט אויסדרוקליך ערלויבט דורך אייער שריפטליכע צושטימונג אדער דורך א געריכט באפעל נאכן אייך איינמעלדן דעריבער.

### קאמפּלעינטס, פראגן און פארלאנגען פאר קאפיעס פון די איינמעלדונג

די איינמעלדונג פון פריוואטקייט סטאנדארטן וועט ארויפגעלייגט ווערן אויף די פייער דעפּארטמענט'ס וועבזייטל (https://www.nyc.gov/assets/fdny/downloads/pdf/about/privacy-practices.pdf) און מיר וועלן זיכער מאכן אז די איינמעלדונג איז צוגענגליך דורך די וועבזייטל. אבער, איר זענט אויך בארעכטיגט צו באקומען די איינמעלדונג אין געשריבענע פארמאט, אויב איר פארלאנגט דאס. איר קענט פארלאנגען מער דעטאלירטע אינפארמאציע איבער אייערע רעכטן און פריוואטקייט שוץ מאסנאמען אדער לערנען וויאזוי צו אויסנוצן די אינדיווידואלע רעכטן ווי געשילדערט אין די איינמעלדונג. אויב איר ווילט טוהן אזוי, פארבינדט זיך ביטע מיט דעם פריוואטקייט בעאמטער (פּרייוועסי אפיסער), ווי אנגעדייטעט אונטן.

די פייער דעפּארטמענט האלט פאר זיך די רעכט צו ענדערן די טערמינען פון די איינמעלדונג אין סיי וועלכע צייט, אן אייך איינמעלדן דעריבער. מיר קענען מאכן אונזערע ענדערונגען אריינגיין אין קראפט אויף א באלדיגן פארנעם און דאס מאכן ארויפגיין אויף אלע PHI וואס מיר האלטן. סיי וועלכע באדייטנדע ענדערונגען צו די איינמעלדונג וועלן שנעלערהייט ארויפגעלייגט ווערן אויף אונזער וועבזייטל. איר קענט באקומען א קאפיע פון די נייעסטע ווערסיע פון די איינמעלדונג פון די וועבזייטל אדער דורכן זיך פארבינדן מיט דעם פריוואטקייט בעאמטער (פּרייוועסי אפיסער), ווי אנגעדייטעט אונטן.

אויב איר גלויבט אז די פייער דעפּארטמענט האט פארלעצט אייערע פריוואטקייט רעכטן, האט איר די רעכט צו אריינגעבן א קאמפּלעינט צו אונז אדער צו די פאראייניגטע שטאטן דעפּארטמענט אָוו העלט ענד היוּמען סערוויסעס (Department of Health and Human Services). די פייער

דעפּארטמענט וועט נישט נקמה נעמען פון אייך אין סיי וועלכע וועג אין פאל וואס איר מאכט אזא קאמפּלעינט דורכן זיך באקלאגן צו דעם פריוואטקייט בעאמטער (פרייוועסי אפיסער) אדער צו די רעגירונג. אויב האט איר סיי וועלכע פראגן, קאמענטארן אדער קאמפּלעינטס, ווענדט זיך ביטע מיט אלע אנפראגן צו דעם פריוואטקייט בעאמטער (פרייוועסי אפיסער) דעזיגנירט ביי די ענדע פון די איינמעלדונג.

ביטע ווענדט זיך מיט סיי וועלכע קאמפּלעינטס, פראגן אדער קאמענטארן צו די פייער דעפּארטמענט'ס פריוואטקייט בעאמטער (פרייוועסי אפיסער), ווי אנגעדייטעט אונטן.

**פייער דעפּארטמענט HIPAA פריוואטקייט בעאמטער**

אויב איר האט סיי וועלכע פראגן אדער אויב איר ווילט אויסנוצן סיי וועלכע פון די פריוואטקייט רעכטן וואס זענען אויסגערעכנט אין די איינמעלדונג, אדער אויב איר ווילט אריינגעבן א קאמפּלעינט, פארבינדט זיך ביטע מיט דעם HIPAA פריוואטקייט בעאמטער (פרייוועסי אפיסער):

<u>דורך די פאסט:</u>
FDNY HIPAA Privacy Officer Office of
Health Care Compliance, FDNY
Headquarters, 8th Floor
9 Metro Tech Center
Brooklyn, NY 11201-3857

<u>דורכן טעלעפאן:</u>
FDNY רעגולאציע אויספאלגונג און
פריוואטקייט האטליין 1-877-FDNY NYC
(1-877-336-9692)

<u>דורך אימעיל:</u>
.HealthCareCompliance@fdny.nyc.gov

<u>אנליין:</u>
https://mobile.reportit.com/report/fdnyhelpline